

# תורת אביגדור

פאר קינדער

באארבעט פון די שיעורים
פון הרה"ג ר' אביגדור מיללער ז"ל

## פרשת ויחי

# שטארק ווי א לייב!

פרנס השבוע

לכבוד בני החשובים והיקרים
כמר **אהרן יודא** און **אלי-הו שלעזינגער** ני"ו
מיט ליבשאפט,
פון אייער טאטע

## פרשת ויחי

# שטארק ווי א לייב!

יודי איז זייער אומרואיג. זיין משפחה האט זיך נארוואס אריבערגעצויגן פון בארא פארק קיין 'וואלפעק', ניו דזשערסי, וואו זיין טאטע האט באקומען א פאסטן אלס ראש הכולל. קומענדיג פון א גרויסע אידישע שטאט, איז אים געווען זייער שווער זיך צוצוגעוואוינען צו אזא קליינע שטעטל. ער האט געהאפט אז ער וועט קענען מאכן נייע חברים.

היינט איז געווען יודי'ס ערשטע טאג אין חדר. 'ווי אזוי וועט מען מיר אויפנעמען? ווי אזוי וועל איך זיך דורכקומען מיט די אנדערע קינדער, וואס רעדן אזוי אנדערש ווי מיר?' האט זיך יודי געזארגט.

און ווען יודי איז אריינגעקומען אין תלמוד תורה האט ער גלייך באמערקט ווי יעדער קוקט אויף אים. ער איז געווען דער איינציגסטער אינגל מיט לאנגע, חסידישע פאות. מיט וואקלדיגע פיס האט ער זיך דערנענטערט צו זיין כתה, ער האט געגעבן א טיפן אטעם און געעפנט די טיר.

"שלום עליכם," האט רבי גאלדשטיין אים ווארעם אויפגענומען ווי עס פאסט. און ער האט אים גלייך היימיש געמאכט צווישן די אנדערע קינדער. אבער מיט-דעם-אלעם איז יעדער שטיל געווארן ווען יודי האט געפרעגט צו ער מעג בארגן א 'חִימִיש'. האט אפילו פאר רבי גאלדשטיין געדויערט א מינוט צו כאפן אז ער מיינט א 'חומש'.

דער אקצענט ווי רבי גאלשטיין און די אנדערע אינגלעך האבן ארויסגעזאגט ווערטער, איז געווען אזוי אנדערש ווי יודי איז געווען צוגעוואוינט אין הורקי חדר. זיי האבן געזאגט, 'הלכה' און 'ברכה' און יודי איז צוגעוואוינט צו זאגן, 'האלוכע' און 'ברוכע'. און ביי די ברכות האבן זיי געזאגט, 'אלוקינו' און נישט 'אלוקיני'. עס האט זיך אים געדאכט ווי ער איז אינגאנצן אין אן אנדערע לאנד.

די קינדער האבן זייער שטארק פרובירט צו זיין פריינדליך צו יודי און אים אריינעמען אין זייער שפילן, אבער אלעס איז געווען אזוי אנדערש. ער האט א גאנצן צייט געשפירט ווי יעדער קוקט אים נאך מיט צווארנציג פאר אויגן אויף זיינע לאנגע פאות און אויף די ווערטער וואס ער זאגט ארויס אזוי אנדערש.

יודי האט פרובירט צו רעדן אזוי ווי די אנדערע קינדער, אבער דאס איז נאך געווען אסאך ערגער, ער האט גערעדט ווי מיט הייסע לאקשן אין מויל...

נאך הפסקה, ווען די קינדער האבן זיך צוריקגעקערט פון הפסקה, האט שוין יודי געשפירט ווי די טרערן שטיקן אים. ער האט נאר געוואלט צוריקלויפן קיין בארא פארק, וואו אלעס איז אים אזוי היימיש און באקאנט. דא האט ער מורא ארויסצורעדן א ווארט, אויב מען וועט אים אויסלאכן. ער האט אפגעמאכט ביי זיך אז ער וועט אויסדריקליך נאר מאכן ברכות שטילערהייט און ער וועט נישט אריינפרעגן קיין קשיות אינמיטן לערנען. פאר איין קליינע סעקונדע איז אים דורכגעפאלן א מחשבה אז--- אפשר זאל ער נעמען רבי גאלדשטיינ׳ס שערל פון טיש, זיך אפשערן די פאות און עס אריינשטעקן אונטערן אויער...

אבער אין יענע מינוט איז רבי גאלדשטיין אריינגעקומען אין כתה און אלע קינדער זענען געלאפן צו זייער פלאץ.

״קינדער,״ האט דער רבי אנגעהויבן, ״איך וויל ענק מיטטיילן א שיין ווארט וואס איך האב נארוואס געהערט פון רבי הורוויץ, דער כתה ד׳ מלמד. האסטו אמאל אריינגעקלערט פארוואס יעקב אבינו פארגלייכט זיינע קינדער צו פארשידענע חיות?



אבער נישט סתם חיות. יהודה ווערט צוגעגליכן צו א לייב, בנימין צו א וואלף, דן צו א גיפטיגע שלאנג, און יששכר צו אן אייזל! וואלט נישט בעסער געפאסט צו זיין צוגעגליכן צו א כשר'ע חי'?" האט רבי הורוויץ געפרעגט.

און ער האט געענטפערט, "מיר דארפן זיך לערנען פון די חיות וואס פארמאגן שטארקע כוחות! זיי זענען בראוו און דרייסט, און רעאגירן מיט שטארקייט. דאס זענען זייערע וויכטיגע אייגנשאפטן פאר א איד.

ווען מיר דינען השי"ת ווילן מיר נישט זיין ווי די שטילע שעפעלעך, אדער פארשלאפענע קועלעך. ניין! מיר ווילן נאכלויפן די מצוות מיט כח און עזות און זיך נישט שעמען מיט דאס וואס מען איז.

און היינט, ווען מיר וועלן לערנען משניות הויך אויפן קול, זאלן מיר געדענקן דער כח וואס מיר, די בני ישראל, דארפן האבן, ווען ס'קומט צו עבודת השם. אזוי ווי יעקב אבינו האט געבענטשט זיינע קינדער, אז זיי זאלן זיין ווי די לייבן, וועלף, שלענג און אייזלען..."

רבי גאלדשטיין האט געעפנט זיין משניות ווען ער האט באמערקט יודי'ס גרויסע שמייכל אויף זיין פנים. "יודי, דו ווילסט עפעס זאגן?"

"יא," האט ער געענטפערט שעמעוודיג. ער האט זיך ארויפגעצווינגן א קלארע קול אז מען זאל נישט באמערקן זיין אומבאקוועמליכקייט. "היינט, האב איך זיך געשפירט זייער אומבאקוועם דא, ווייל איך בין אזוי אנדערש ווי יעדן, אבער ווען דער רבי האט דערמאנט, אז יעקב אבינו האט צוגעגליכן יהודה צו א לייב, האב איך מיך דערמאנט אז מיין נאמען איז יהודה, נאר מען רופט מיר אין קורצן יודי. און אז דער פסוק זאגט אונז, 'גור ארי' יהודה' מיינט דאס מיך, אז איך דארף זיין שטארק ווי א לייב!

איך קען מיך אויס'משל'ן, ווי איך רייט אויף א לייב, אזוי וועל איך נישט זיין שטיל און פארשעמט אז איך בין אביסל אנדערש ווי די אנדערע קינדער דא. און יודי האט זיך צוריקגעקערט צו זיין משניות גרייט צו לערנען מיט א חיות; און מיטזאגן הויך אויפן קול, מיט יעדן איינעם.

**הערט די מעשה פארציילט דורך דער בארימטער מחנך**
**הרה"ג ר' משה בערגמאן שליט"א**
**קול אביגדור 718-289-0899, דרוקט 2 און דערנאך #3**


כל הזכיות שמורות